ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִיש

## פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ

תשפ"ד

328

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס אִיז דֶער מְקוֹר פוּן נִישְׁט זָאגְן תַּחֲנוּן אוּם פְרַייטָאג?......................................א

אִיךְ בִּין טִיף אִין חוֹבוֹת, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְלַאכְן?......................................ב

זָאל אִיךְ נָאכְגֶעבְּן מַיין וַוייבּ און זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוֹיף אַ מָאדֶערְנֶע וֶועג?....................ה

וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין בָּחוּר וֶועגְן עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה?.........................................ז

וֶועלְכֶע נָאךְ סְגוּלוֹת קֶען אִיךְ טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט אַ שִׁידוּךְ?........................ט

וָואס מֶעג מֶען לֶערְנֶען בַּייַנאכְט?.................................................................... יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען קוּמְט אָן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ......................................א

צְוֵויי וִויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּם חֲנוּכָּה......................................................א

מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי גַאנְצֶע נְשָׁמָה אִין דִי קִינְדֶער ........................................................ג

הֶערְלִיכֶער קִיבּוּץ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב ..............ג

זָאג קְלָאר פַאר דַיין וַוייבּ אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִי רֶעדְט...................ד

בַּאצָאלְן דִי חוֹב פַאר דִי מוֹסָד .........................................................................ה

וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, און דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זַיי פְרֵיילִיךְ....................ו

אַסַאךְ מָאל אִיז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת נָאר אֵיין וָוארְט; נָאכְאַמָאל "אֵייבֶּערְשְׁטֶער" ............ו

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁטִימֶען.......................................ז

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאסִירְט אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען..........ח

מַאךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין זוּן יֶעדְן טָאג פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט .................ט

אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ גֶעים צוּ שְׁפִּילְן יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים..........................................ט

הָאסְט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַּארְזָארְגְט וֶועגְן קִינְדֶער?.................. י
מְכַבֵּד זַיין אִין יֶעדְן חָשׁוּבְ'ן אִיד מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן כָּבוֹד ........................................ יא
לָאזְט אַייךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, זַייט שְׁטַארְק מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.......................... יב
דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין דִי צָרָה אִיז דָא הַרְחָבָה ................................. יב
שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן אוּן זַיין אָפְן, אַ שָׁאד מֶען לֶעבְּט פַּארְמַאכְט ...................... יג
זַייט אִיר אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי.......................................... יד
פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז מְתַקֵּן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ .................................. טו
אַ שָׁאד דַיינֶע שֵׁיינֶע טֶעג אוּן יָארְן גֵייעְן אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט ........................ טז
דַיְקָא דוּרְךְ הַלֵּל וְהוֹדָאָה קוּמְט מֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע תִּיקוּן ............................. יח
הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, עֶס אִיז אַ זְכוּת לְנֵצַח נְצָחִים............................................ יט
פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג, זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדְן שַׁבָּת צוּ דְרֵיי סְעוּדוֹת ....... יט
וִויפִיל לִיכְט צוּ צִינְדְן לְכָבוֹד שַׁבָּת ........................................................ כ
הֶער אוֹיף קְרִיטִיקִירְן דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער.......................... כא
הָאבּ נִישְׁט צוּטוּן מִיט לֵצִים אוּן מַחֲלֹקֶת, וֶועט דַיין לֶעבְּן זַיין שֵׁיין.................... כא
הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל, לָאז נִישְׁט נָאךְ דַיין ווִילְן............................................. כב
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן, אוּן נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אֵיינֶעם .................. כג
אַ פַּארְיָאגְטֶע מַאמֶע אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מַאמֶע.......................................... כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס אִיז דֶער מְקוֹר פוּן נִישְׁט זָאגְן תַּחֲנוּן אוּם פְרַייטָאג?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט צְוֶועלְף מָאל מִשְׁנַיּוֹת, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט עֶטְלִיכֶע פְרַייטָאגְס אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן, אוּן מֶען הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט "תְּפִלָּה לְדָוִד"; אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז נָאר וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט תַּחֲנוּן עַל פִּי הֲלָכָה זָאגְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט תְּפִלָּה לְדָוִד, הָאט דָאס אַ מְקוֹר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אַסַאךְ צַדִיקִים אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין תַּחֲנוּן עֶרֶב שַׁבָּת. דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין תַּחֲנוּן עֶרֶב שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע זִידִיטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין תַּחֲנוּן עֶרֶב שַׁבָּת, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער יִיטַב לֵב, דֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין תַּחֲנוּן עֶרֶב שַׁבָּת,

אויך מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, נִישְׁט צוּ זָאגְן עֶרֶב שַׁבָּת תַּחֲנוּן.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן דֶעם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ גְרֵייטְן עֶרֶב שַׁבָּת מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הֲכָנָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַלְס קִינְד אַסַאךְ וֵויינֶען עֶרֶב שַׁבָּת עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין טִיף אִין חוֹבוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְלַאכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט לֶעצְטְנְס גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]: "בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; גֶעלְט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁפִּיל, שְׁפִּיל דוּ אוֹיךְ דֶעם שְׁפִּיל - כְּאִילוּ דוּ הָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ עֶס יֶעצְט אִינְוֶועסְטִירְט', אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס. אַלֶעס אִיז דִמְיוֹן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת; יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט, אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה - אִיז עֶס דִמְיוֹן".

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶס אַבִּיסְל בֶּעסֶער מַסְבִּיר זַיין, אִיךְ הָאבּ חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן ווִיפִיל גֶעלְט זֵיי ווִילְן, זֵיי הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, אַ שֵׁיינֶע קַאר, אוּן זֵיי קֶענֶען קוֹיפְן אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן אוּן דַארְפְן. אִיךְ בִּין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַ הַאלְבֶּע שְׁטָאט, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין אַסַאךְ שׁוּלְן דַאוֶוענֶען כְּדֵי נִישְׁט צוּ טְרֶעפְן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת וַוייל קַיין אֵיין גְרָאסֶערִי ווִיל מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, אִיךְ פָאר אַרוּם מִיט אַ קַאר אָן אִינְשׁוּרֶענְס וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט עֶס צוּ בַּאצָאלְן, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ

קוֹיפְן גֶעז אֶנְצוּפִילְן מַיין קַאר, אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה אִין אַפָּאר חֳדָשִׁים אַרוּם, מַיין וַוייבּ בֶּעט גֶעלְט און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, וְוִי אַזוֹי לַאכְט מֶען זִיךְ פַּאקְטִישׁ אוֹיס?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נוּצְן דַיין קַאר בִּיז דוּ הָאסְט אִינְשׁוּרֶענְס; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְן מִיט אַ קַאר אָן קַיין אִינְשׁוּרֶענְס.

צְוֵויטֶנְס, אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם טִיפְן גְרוּבּ - זָאלְסְטוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן הַיינְט און וַוייטֶער מֶער נִישְׁט בָּארְגְן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, און אַז דוּ דַארְפְסְט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. דֶעם וְועם דוּ ווִילְסְט פְרֶעגְן: "קֶענְסְט מִיר בָּארְגְן?" זָאלְסְטוּ אַנְשְׁטָאט דָאס וָוארְט 'בָּארְגְן' נוּצְן דָאס וָוארְט 'הֶעלְפְן'; פְרֶעג: "קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן?" גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן, הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר, גְרָאבּ נִישְׁט דֶעם גְרוּבּ טִיפֶער; בָּארְגְן אִיז אַ קְלָלָה, אַז מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

זָאג יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶועֶנֶען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], ווַייל חוֹבוֹת קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה, שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִילוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל חוֹב'. און אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב - וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרַנְ"ת זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, און רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דֶערְטְרֶענְק זִיךְ אִין שְׁוֶועֶרע חוֹבוֹת, אִיךְ וֵויִיס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַּאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין זִיךְ אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹי וֵויי אִיז מִיר, אוֹי וֵויי אִיז פַּאר מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ עֲבֵירוֹת.

אָנָּא רַחוּם, אִיךְ בֶּעט דִיר דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער טַאטֶע, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ רַחוּם וְחַנּוּן, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בִּיסְטוּ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם. נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט שַׁחֲרִית מִיטְן טַלִּית, זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְוִויקְלֶען אוּנְטֶער דִי טַלִּית אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט שֶׁעפְּשֶׁען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וֵויִיס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ וֵויִיס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַּאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, הֶעלְף מִיר טַאטֶע".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע זִינְד, קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַיין טַאטֶע. אַ קִינְד קֶען אַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען,

בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע זִינְד - קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

לָאז זִיךְ נִישְׁט אָפּ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוּן מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר מִיט דֶעם; דֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ, דֶער וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; גֶעלְט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁפִּיל, שְׁפִּיל דוּ אוֹיךְ דֶעם שְׁפִּיל - כְּאִילוּ דוּ הָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ עֶס יֶעצְט אִינְוֶועסְטִירְט', אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס.

אַלֶעס אִיז דִמְיוֹן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת; יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט, אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה - אִיז עֶס דִמְיוֹן.

שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

## זָאל אִיךְ נָאכְגֶעבְּן מַיין וַוייבּ אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוֹיף אַ מָאדֶערְנֶע וֶועג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, מַיין וַוייבּ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוֹיף אַ מָאדֶערְנֶע וֶועג, מִיט אַ גְלַייכֶע לִינְיֶע פוּן הוּנְטֶערְן קָאפּ, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אוּנְז.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט לִיבּ, אוּן זִי הָאט מִיר שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעבֶּעטְן, אוּן אִיךְ פִיל אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט פִילְן גוּט מִיט דֶעם, אָבֶּער מַיין וַוייבּ פָּאדֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶס אִיז אַ שְׁאֵלָה פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ אִיר דָאס נָאכְגֶעבְּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

מֶען דַּארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר ווִיל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט אַז בֵּיידֶע זָאלְן טְרַאכְטְן אֵיינִיג, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְט זַאכְן - דָאס אִיז שָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן צְוֵויי מַלְאָכִים, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען וָואס אִיז שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַארְקֶערְט זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

אַז דַיין וַוייבּ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ שֶׁערְן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע סָארְט וֶועג, אוּן דוּ ווִילְסְט גֵיין אַ צְוֵוייטֶע וֶועג - זָאלְט אִיר דָאס אַדוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

עֶס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט אַ כְּלַל וָואס מֶען קֶען זָאגְן מֶען זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶּער דִי כְּלַל קֶען מֶען יָא זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען אֵיינִיג, 'מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט שְׁרֵייעֶן'; וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאלְסְט וִויסְן וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ, וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, נָאר אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן - קֶען מֶען לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין בָּחוּר וֶועגְן עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן בֶּעפָאר אַלֶעם וִויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן גוּטֶע עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְרָשׁוֹת, אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ קֶען זָאגְן אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעבִּיטְן אִינְגַאנְצְן פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק, מַמָּשׁ אַזוֹי.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם, אוֹיךְ נִישְׁט פַאר מַיין וַוייבּ, אֶפְשָׁר וֶועט דָאס נָאךְ גֶעשֶׁען, אָבֶּער אִיךְ בַּאלַאנְג צוּ אַ קְהִלָּה וואוּ מֶען הָאט נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן דֶערְוַוייל אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם סוֹד.

לִכְאוֹרָה אִיז מַיין וַוייבּ דִי גְרֶעסְטֶע פַארְדִינֶערְקֶע פוּן מַיין הִתְקָרְבוּת, שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל הָאבּ אִיךְ זִיךְ אֶפְּגֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס דְרָשׁוֹת; דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען מִיר שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי לִיפְּן, אוּן אָט הֶער אִיךְ וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט מִיר: "זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ! פַארְשֶׁעם

איר נִישְׁט! אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אִיז אִין אִיר זְכוּת", אוּן אִיךְ הַאלְט צוּרִיק דִי וֶוערְטֶער.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען דֶער מְקוֹר מַיִם חַיִּים פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ קֶען נָאךְ אַסַאךְ מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶּער אִיךְ וִויל צוּקוּמֶען צוּ מַיין שְׁאֵלָה; מַיין זוּן אִיז שׁוֹין פִּיפְצְן יָאר אַלְט, אוּן אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ עֶר לֶערְנְט רֶעדְט מֶען בִּכְלָל נִישְׁט פוּן עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה. אִיךְ זֶע אַז עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן נִסְיוֹנוֹת, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אוּן וָואס צוּ רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דֶעם עִנְיָן. אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵייט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר וַוייזְן דֶעם וֶועג וָואס אִים צוּ זָאגְן אוּן וִוי אַזוֹי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט נִישְׁט אָנְרִירְן, אוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; נָאר אַז מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער קֶענֶען זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַן אֲסִיפַת מְלַמְדִים אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי אֲסִיפָה וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט "אֶפְשָׁר זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אֶפְשָׁר קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען נִישְׁט גוּטְס אַז מֶען רֶעדְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטְס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען? אַז דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער דִי מְלַמְדִים וֶועלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית - וֶועט מֶען נִישְׁט וִויסְן פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן, מֶען מוּז רֶעדְן".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיינֶע קִינְדֶער זַיין הֵיילִיג, זָאלְסְט זֵיי אוֹיסְהֶערְן שִׁידוּכִים וִוי פְרִיעֶר, נִישְׁט לָאזְן זֵיי וַוארְטְן אוּן לַיידְן, עֶלְטֶערְן מִיט יִרְאַת

שָׁמַיִם מַאכְן שִׁידוּכִים וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען יוּנְג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין עו:): "הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי זִיךְ אַלֵיין, "וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ", אוּן עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד נָאךְ מֶער וִוי עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיינְס מְכַבֵּד, "וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה", אוּן דֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן", אוּן עֶר מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ וּפָקַדְתָּ נָוְךָ וְלֹא תֶחֱטָא".

בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה זֶעט מֶען נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## וֶועלְכֶע נָאךְ סְגוּלוֹת קֶען אִיךְ טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט אַ שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּפִיל מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן דֶערְוַוייל.

אִיךְ דַאוֶוען, אִיךְ זָאג תְּהִלִּים, אִיךְ גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אִיךְ זָאג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיז דָא נָאךְ סְגוּלוֹת אָדֶער עֵצוֹת וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען מַיין שִׁידוּךְ?

עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ יֶעצְט דִי פֶערְצִיגְסְטֶע טָאג וָואס אִיךְ זָאג שׁוֹין קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים מִיט דִי תְּפִלּוֹת אִינֶעם קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּיווּג", אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בִּיז דֶעמָאלְט, אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין עֶס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן בֶּעטְן דֶּעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִּי סְגוּלוֹת וָואס דֶּער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט - צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. דֶּער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן דִּי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף (דִּי קְרִיאָה פוּן חֲנוּכָּה); עֶס הָאט נִישְׁט דַּוְקָא מִיט פֶּערְצִיג טֶעג, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן זָאגְן קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים בִּיז דוּ טְרֶעפְסְט דַּיין שִׁידוּךְ, אוּן נָאכְן דָאס זָאגְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶּעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט וָואס דֶּער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִּי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גּוּף, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִּי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, (צַוָּאַת מוֹהֲרַ"אשׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַּאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

מֶען זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן פוּן דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

...

### וָואס מֶעג מֶען לֶערְנֶען בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֶען מֶעג אַלְץ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט. אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ און וָואס און וֶוען, אָבֶער עֶרְגֶעץ דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבּ אִיךְ צוּזַאמְגֶעהֶערְט אַז חוּמָשׁ טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בַּיינַאכְט, און מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא זָאל מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען פוּן וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל בִּיז חֲצוֹת. און אוֹיךְ אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ עֶרְגֶעץ גֶעהֶערְט אָדֶער גֶעזֶען אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט זוֹהַר און תִּיקוּנֵי זוֹהַר בַּיינַאכְט.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קְלָאר מַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט בַּיינַאכְט און וָואס יָא?

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען סַיי וֶוען; דָאס הֵייסְט מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא און זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ - אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען בַּיינַאכְט, אַדְרַבָּה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין סה.): ״לֹא אִיבְרֵי סִיהֲרָא אֶלָּא לִגְירְסָא״, דִי נַאכְט אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר דֶעם, מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (חֲגִיגָה יב:): ״כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשֵׁךְ עָלָיו

חוט שֶׁל חֶסֶד בַּיּוֹם״, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט - וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב לֶערְנְט מֶען נָאר בַּייטָאג. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, סִימָן לו) וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוען אִיז טָאג אוּן וֶוען אִיז נַאכְט, נָאר וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז טָאג אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז נַאכְט.

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט; מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן פּוֹסְקִים (אֵשֶׁל אַבְרָהָם מֵהָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבּוּטְשְׁאטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹרַח חַיִּים סִימָן רלח, סְעִיף ב) אַז מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, וַוייל מֶען זָאגְט דָאס דֶרֶךְ בַּקָּשָׁה, אִיז דָאס נִישְׁט אִינֶעם כְּלַל פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען קוּמְט אָן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועמֶען עֶר פְרֶעגְט יֶעדֶע פְּרַט פוּן לֶעבְּן, אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען קוּמְט אָן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.**

**וֶוער דֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ זָאל זַיין - דָאס קֶענְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל דִיךְ פִירְן אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.**

**אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ פְרֶעגְן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ׳, הָאסְט אַ שְׁרֶעק וְכוּ׳, אוּן דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן, זוּךְ אֵיינֶעם וֶוער עֶס זָאל דִיךְ מַדְרִיךְ זַיין, פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, מֶען קֶען פַארְקְרִיכְן אַז מֶען גֵייט נָאךְ דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל.**

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ פִירְן אוֹיפְן אֱמֶת.**

...

**צְוֵויי וִויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּם חֲנוּכָּה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ בִּין נֶעכְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע**

שַׁבָּת חֲנוּכָּה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַ בְּחִינָה פוּן וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ חוּץ לְיִשּׁוּב וואו עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן; קוּק נָאךְ אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה מִבַּעַל תְּפִלָּה.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְמַאנֶען צְוֵויי וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס אִיז ווִיכְטִיג יֶעצְט חֲנוּכָּה.

עֶרְשְׁטְנְס, גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִּיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", וֶוען עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶם טָאג, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַז אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז אַלֶעס וָואס פִּירְט זִיךְ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

צְוֵוייטְנְס, יֶעצְט חֲנוּכָּה מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל עִיקָּר אוּן פוּן עִיקָּר טָפֵל. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן שֻׁלְחָן

עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; חֲנוּכָּה אִיז דֶער עִיקָר דִי שִׂמְחָה אוּן דָאס לוֹיבְּן, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז טָפֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי גַאנְצֶע נְשָׁמָה אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַזוֹי גוּט אוֹיפְגֶעכַאפְּט דִי עִבְרִי. אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ נִישְׁט וִויפִיל אַרְבֶּעט, כֹּחַ אוּן מֹחַ - אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער טָאג אֵיין טָאג אוֹיס, יֶעדֶע קִינְד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַסֶכְתָּא, אוּן אִיר לֵייגְט אַרַיין אַייעֶר גַאנְצֶע נְשָׁמָה אִין זֵיי.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶר מַאנְ׳ס מְלַמְדוּת, מִיר זֶענֶען צוּפְרִידְן פוּן אִים בִּיזְן הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ דַאנְק אַייךְ פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הָאַרְץ.

...

### הֶערְלִיכֶער קִיבּוּץ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער קִיבּוּץ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶעם שַׁבָּת חֲנוּכָּה

אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ גֶעסְט, אוֹיךְ דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען.

שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן מִיט דִי בָּחוּרִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן אַבִּיסְל פוּן דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין גַן עֵדֶן, אִין עוֹלָם הַבָּא.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, כַאפּ אַרַיין גוּטֶע זַאכְן, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט. מֶען נֶעמְט גָארְנִישְׁט מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים. אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, פְּסוּקִים תְּהִלִּים, אוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ".

...

## זָאג קְלָאר פַאר דַיין וַוייבּ אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי רֶעדְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

לְדַעְתִּי קֶען מֶען נָאךְ רַאטֶעוֶוען אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, דוּ דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ קְלָארֶע וֶוערְטֶער. זָאג אִיר אַז דִי וֶועג ווִי זִי רֶעדְט צוּ דִיר - אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג, זָאג אִיר דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ וֶוערְסְט בַּארִירְט פוּן אִיר, אוּן עַד כְּדֵי כַּךְ, דוּ ווִילְסְט זִיךְ שׁוֹין צֶעטֵיילְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זִי וֵוייסְט נִישְׁט אַז זִי טוּט דִיר וֵוויי, זִי וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַ גֶט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אוֹיךְ דוּ זָאלְסְט זִיךְ עֶפֶּעס פָארְנֶעמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל,

זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי דְרַיי תְּפִילוֹת; זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ דַאוֶועבֶען יֶעדְן טָאג לְכַתְּחִילָה מִיט מִנְיָן, און אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִנְיָן - דַאוֶועבֶען אִין שׁוּל דַוְקָא. אִיךְ בִּין זִיכֶער דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי; וַוייל בַּיי דִי תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אַ בֶּן-חוֹרִין, פְרֵיי פוּן אַלֶעמֶען, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוערְט בֶּעסֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, דִי פַּרְנָסָה; אַלֶעס וֶוערְט בֶּעסֶער.

אִיךְ וִויל דִיר הֶעלְפְן, און אִיךְ וֶועל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין יֶעדֶע מַצָּב דַיינֶע. אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הֶעלְף נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ גֶט, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ'ן וֶועל אִיךְ דִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְוָוארְפְן, אִיךְ וֶועל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין יֶעדְן מַצָּב.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ הָאף זִי וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי חֵן, און עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## בַּאצָאלְן דִי חוֹב פַאר דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל בֶּעטְן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ חוֹב אִין דִי מוֹסָד, זָאל דָאס הַיינְט בַּאצָאלְן, און אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאל מֶען אָדֶער בָּארְגְן אָדֶער פַארְקוֹיפְן דִי זִילְבֶּער וְכַדוֹמֶה; דִי מְלַמְּדִים און אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּאקוּמֶען נִישְׁט בַּאצָאלְט שׁוֹין פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

אָדֶער וֶועט פוּן מָארְגְן נִישְׁט זַיין קַיין חֵדֶר און קַיין סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## וַויין צום אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, און דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זַיי פְּרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

טַייעֶרְער בְּרוּדֶער, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ טְרַאכְסְט שְׁוַוארְץ, דוּ זֶעסְט נָאר טוּנְקֶל, דוּ וֵוייסְט קְלָאר דוּ וֶועסְט נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ - דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, חֲזַק וֶאֱמָץ בְּכָל כֹּחֲךָ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

נֶעם דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; גֵיי אִין אַ וִוינְקֶל אוּן וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ בִּין אַ פְּלַג גּוּף, אִיךְ בִּין צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר, פַארְגֶעבּ מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְקְן זַיין גוּט, הֵיילִיג אוּן רֵיין, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ בְּשׁוֹגֵג, בְּמֵזִיד, בְּאוֹנֵס וּבְרָצוֹן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר, קֵיינֶער חָלוֹמְ׳ט נִישְׁט אַז אִיךְ שְׁלָאג זִיךְ יֶעדֶע רֶגַע צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד, אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָא, בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים שֶׁמָּסְרוּ נַפְשָׁם אֵלֶיךָ יִתְבָּרַךְ, אָמֵן".

בַּיי דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט פוּן טָאג זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן אוּן הֶערְן פְּרֵיילִיכֶע בָּאמְבֶּעדִיגֶע מוּזִיק.

...

## אַסַאךְ מָאל אִיז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת נָאר אֵיין וָוארְט; נָאכְאַמָאל "אֵייבֶּערְשְׁטֶער"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

דֶעם שַׁבָּת חֲנוּכָּה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אַ מְחַיֶ׳ דָארְט. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג שְׁפַּאצִירְן, אִיךְ בִּין אַרוֹיף פוּן מַיין

שְׁטוּב בִּיז וואו דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן זוּמֶער. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ דִי גַאנְצֶע וֶועג גֶעזָאגְט אֵיין וָוארְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז דִי אֵיין וָוארְט קֶען אִיךְ כָּאטְשִׁיג זָאגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו), אֲפִילוּ מֶען קֶען נָאר זָאגְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם" - אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט.

אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל', אִיךְ בִּין צוּרִיק אַרוֹיף דֶעם בַּארְג, אוּן בַּיים צְוֵוייטְן מָאל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט גוּטֶע שְׁמוּעֶסְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוֹיסְגֶעדַאנְקְט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, וַוייל דוּ מֵיינְסְט אַז נָאר דִיר גֵייט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַסַאךְ טֶעג אִיז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אֵיין וָוארְט; נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל "אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

...

**עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁטִימֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט מִיר, אִיךְ וִויל עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר.

מֶען הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז בַּיי דִי פָּארִיגֶע וַואלְן אִין שְׁטֶעטְל הָאסְטוּ גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט גֶעשְׁטִימְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וַוייזְן זֵיי אַז דַיין נָאמֶען אִיז נִישְׁט דָארְט; פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, פוּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג מִשְׁפָּחוֹת - הָאבְּן פִיר מֶענְטְשְׁן נִישְׁט גֶעשְׁטִימְט, דוּ מִיט נָאךְ אַ פָּארְפָאלְק, מִיט נָאךְ אַ וַוייבְּל.

קֶען זַיין דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי וִויכְטִיג דָאס אִיז, אִיךְ בִּין דִיךְ דָן לְכַף זְכוּת, אָבֶּער מִיר טוּט דָאס וֵויי. אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען טוֹבוֹת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג'ס בַּאאַמְטֶע, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן -

אִיז דִי וַואלְן, נָאר דָאס רֶעדְט צוּ זַיי; וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעדַארְפְט גֵיין אָפְּגֶעבְּן דַיין שְׁטִימֶע.

מִיר אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר דִי אַיינְוואוֹינֶער, סֵיי צוּ מַאכְן בִּילִיגֶער דָאס צָאלְן שְׂטֵייעֶר, סֵיי צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען בֶּענֶעפִיטְן, פְּרָאגְרַאמֶען פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס נוֹיטִיגְן זִיךְ אִין הִילְף, סֵיי מִיט בַּאקוּמֶען עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען בוֹיעֶן הַייזֶער, מוֹסְדוֹת, שׁוּלְן, סֵיי אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְהַאנְקֶערְט זִיךְ מִיט דִי גֶעזֶעץ, יֶענֶעם צוּ הֶעלְפְן - זָאל מֶען יֶענֶעם קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶערִיבֶּער נֶעם אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁטִימֶען, אִיךְ זָאג דִיר דָאס וַוייל אִיךְ וִויל לֶעבְן מִיט דִיר בְּשָׁלוֹם, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֶב.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, זוּךְ אִין שְׁטֶעטְל אַ שְׁטִילֶע וֶועלְדְל, גֵיי אַהִין אוּן בֶּעט: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן שֶׁפַע, אִיךְ זָאל הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת, נַחַת**"; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת זֶעט מֶען יְשׁוּעוֹת.

...

## קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): "מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה", אַזוֹי וִוי אַ טַייךְ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין טַייךְ - וֶוערְט עֶר טָהוֹר, "אַף אֹהָלִים", אַזוֹי אוֹיךְ אַ שׁוּל, "מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת", נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם עֶס נִישְׁט גְרִינְג, מֵיין נִישְׁט עֶס

אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט, ווייל נָאר אַז מֶען דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן - בְּלַייבְּט מֶען אִידִישׁ אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל קוּמֶען אִין שׁוּל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת".

...

## מַאךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין זוּן יֶעדְן טָאג פַּאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בֶּעט דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר צוּ לֶערְנֶען מִיט דִיר יֶעדְן טָאג פַּאר צֶען מִינוּט, לֶערְן מִיט אִים עֵיִן יַעֲקֹב אָדֶער קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אַז מֶען הָאט אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג - זֶעט מֶען נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת אִין יֶעדֶע פְּלַאץ; אִין פַּרְנָסָה, אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אִין אַלֶעס.

מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, צֶען מִינוּט אַ טָאג מִיט אַ קְבִיעוּת וֶועט מַאכְן ווּאוּנְדֶער.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים אִין לֶעבְּן.

...

## אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ע גֶעים צוּ שְׁפִּילְן יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... תִּחְיֶ'

יֶעצְט חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, יֶעדֶע קִינְד אִיז דָאךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נֵס, עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער שַׁיינֶען, זַיי זֶענֶען לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר.

עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ וֶוען עֶנְק בֵּיידֶע וֶועלְן שְׁפִּילְן יֶעדְן טָאג דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ גֶעים. מַאן אוּן וַוייבּ זָאגְן אֵיינֶער נָאכְן צְוֵוייטְן שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דָאס, שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶענְץ, בִּיז זֶעכְצִיג סֶעקוּנְדֶעס. לְמָשָׁל, דֶער מַאן הוֹיבְּט אָן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין וַוייבּ", זָאגְט דִי וַוייבּ: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין מַאן", זָאגְט דֶער מַאן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ", זָאגְט דִי וַוייבּ: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז אֵיין מִינוּט, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער בְּלַייבְּט שְׁטִיל וֶוערְט מֶען אַוּט, אוּן דִי גֶעים הוֹיבְּט זִיךְ נָאכְאַמָאל אָן.

הַלְוַואי זָאלְט אִיר שְׁפִּילְן דִי שְׁפִּיל יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר שְׁפִּירְן טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

...

## הָאסְט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַארְזָארְגְט וֶועגְן קִינְדֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיז וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַארְזָארְגְט וֶועגְן קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים, נָאר אֵיין זַאךְ, זָארְג נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין מַאכְן בְּדִיקוֹת בַּיים דָאקְטֶער; דַיין וַוייבּ הָאט מֶען אוּנְטֶערְזוּכְט אוּן אַלֶעס זֶעט אוֹיס בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט, יֶעצְט ווִילְסְטוּ גֵיין, דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דָאס טוּן.

בְּרוּדֶער, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן, דֶער דָאקְטֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט דִי וְכוּ', דוּ זָאלְסְט טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים", וָואס זָאל מֶען טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", מֶען זָאל גֶעבְּן גֶעלְט פַאר

אָרֶעמֶעלַייט, (מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וואוּ צוּ גֶעבְּן), "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ וְכוּ'", אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, עַיֵּין שָׁם.

טוּ דִי סְגוּלָה, וַוייל נָאר סְגוּלוֹת פוּן דִי צַדִיקִים הֶעלְפְט, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז גָארְנִישְׁט, אוֹיךְ דָאקְטוֹירִים אִיז גָארְנִישְׁט, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער, אוּן נָאר דִי סְגוּלוֹת פוּן צַדִיקִים דַארְף מֶען טוּן.

...

### מְכַבֵּד זַיין אִין יֶעדְן חָשׁוּבְ'ן אִיד מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן כָּבוֹד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק לְכָבוֹד .... נֵרוֹ יָאִיר, גַבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען עֶס קוּמְט דַאוֶוענֶען אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד, אַ דַיָּין וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד; מֶען זָאל וַוארְטְן בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע כִּבּוּדִים.

וֵוייסְט אַוַדַאי וִויפִיל מִתְנַגְדִים דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר עֵדוּת פְּנִימְ'עֶר הָאבְּן זִיךְ אַלֵיינְס גֶעבְּרֶענְגְט מִיטְן אַוֶועק מַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', אוּן וִוי שְׁטַארְק מוֹהֲרַא"שׁ הָאט פְּרוּבִּירְט אַלֶע יָארְן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס פְלֶעגְט זַיין אִין בְּרֶסְלֶב; בִּפְרַט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים זָאל זַיין אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ, מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### לָאזְט אַייךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, זַייט שְׁטַארְק מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד
לפ"ק... תְּחִיֶּ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אַייעֶר שְׁוָואגֶער קוּמְט צוּ עֶנְק אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף; וֶוען עֶר גֵייט אַייךְ אַרִיבֶּער קְלַאפְּט עֶר זִיךְ אַרַיין אִין אַייךְ אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ יֶעדֶעס מָאל אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ טָעוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן. אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן, קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ וֶוען עֶר אִיז דָארְט, גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פַאר אַייעֶר לֶעבְּן, אוּן אַז מֶען וֶועט אַייךְ פְרֶעגְן וָואס גֵייט פָאר, זָאלְט אִיר אָן מוֹרָא זָאגְן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט", "קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן".

הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען מִיר זֶענֶען אִין דִי טֶעג וָואס מָשִׁיחַ קוּמְט שׁוֹין, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה מט:): "יִרְאֵי חֵטְא יִמָּאֲסוּ", דִי עֶרְלִיכֶע זֶענֶען נֶעבֶּעכְ'ס, יָאנְטְשִׁי, "חוּצְפָּא יִסְגֵּא", מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אָפְן; זָאלְט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין דִי צָרָה אִיז דָא הַרְחָבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לז, כה): "וּגְמַלֵּיהֶם נֹשְׂאִים נְכֹאת וּצְרִי וָלֹט", דִי קֶעמְלֶען פוּן דִי אַרַאבֶּער וָואס הָאבְּן אָפְּגֶעקוֹיפְט יוֹסֵף, הָאבְּן גֶעטְרָאגְן פֶּעקְלֶעךְ פוּן גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים. זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס גֵייט מִיךְ אָן וָואס דִי פֶּעקְלֶעךְ הָאבְּן גֶעטְרָאגְן? "לְהוֹדִיעַ מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים", דִי פָּסוּק לָאזְט אוּנְז וִויסְן דִי בַּאצָאלוּנְג פוּן צַדִּיקִים, ווייל גֶעוֶוענְלִיךְ טְרָאגְן אַרַאבֶּער

נַאפְּט וָואס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, אוּן לְכָבוֹד יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאגְן גוּטֶע בְּשָׂמִים.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין קֶען מֶען פְרֶעגְן, דָאס אִיז 'מַתָּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים'? מֶען נֶעמְט אַ בָּחוּר וָואס טוּט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּן מֶען פַּייְנִיגְט אִים, מֶען וַואַרְפְט אִים אַרַיין אִין אַ גְרוּבּ פוּן שְׁלֶענְג אוּן מֶען פַארְקוֹיפְט אִים פַאר אַרַאבֶּער, דָאס אִיז 'מַתָּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים'? אוּן אַז עֶס שְׁמֶעקְט גוּט אוֹיפְן וֶועג צוּ טוֹיט - אִיז עֶס 'מַתָּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים'?!

נָאר דָא לִיגְט דֶער סוֹד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, 'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): "אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה'", אוֹיבּ מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, "יִרְאֶה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מֵצֵר לוֹ", אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, "גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", זָאל עֶר גוּט קוּקְן – וֶועט עֶר זֶען אַז אִין דִי צָרָה מַאכְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י: "לְהוֹדִיעַ מַתָּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים", דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, אַז זֵיי זוּכְן דָאס גוּטְס אִין דִי צָרָה אוּן זֵיי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין דִי צָרָה אִיז דָא הַרְחָבָה. יוֹסֵף הַצַּדִּיק, מֶען טְרָאגְט אִים צוּ דִי שְׁמוּצִיגֶע אַרַאבֶּער, זוּכְט עֶר דָאס גוּטְס; עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה אַז עֶר אָטֶעמְט אוּן עֶס אִיז דָא פֵיינֶע לוּפְט וָואס שְׁמֶעקְט גוּט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, אוּן אַז מִיר וֶועלְן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן אוּן זַיין אָפְן, אַ שָׁאד מֶען לֶעבְּט פַארְמַאכְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְּחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.): "מַה דַּעֲלָךְ סְנֵי, לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבֵיד", וָואס דוּ ווילְסְטוּ נִישְׁט מֶען זָאל טוּן מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן מִיט דַיין פְרַיינְט, און וָואס דוּ ווילְסְט מֶען זָאל יָא טוּן מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דַיין פְרַיינְט; אֶפְשָׁר בַּיי אַייךְ אִיז דִי זֶעלְבֶּע? פוּן ווִי וֶוייסְט אִיר אַז בַּיי אַייךְ גֵייט נִישְׁט אַ גֶערוּךְ פוּן מוֹיל? דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁוֶועֶרֶע גֶערוּךְ וֶוייסְט דָאס נִישְׁט אַלֵיינְס; אִיר וָואלְט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אַייךְ דֶערְמַאנֶען זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי מוֹיל, זָאלְט אִיר דָאס טוּן מִיט אַייעֶר מַאן; וָואס אִיז עֶר שׁוּלְדִיג? עֶר וֶוייסְט דָאךְ נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַ גֶערוּךְ און עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג מִיטְן זָאגְן אֵיין מָאל, דֶערְמַאנְט אִים נָאכְאַמָאל.

אַ שָׁאד אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אַ שָׁאד מֶען לֶעבְּט פַארְמַאכְט, מֶען אִיז נִישְׁט אָפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אַנְשְׁטָאט זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן און גֶעבְּן תֵּירוּצִים וְכוּ', נִישְׁט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ' - וָואלְט מֶען וֶוען גֶערֶעדְט - וָואלְט אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען, וָואלְט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דִי תֵּירוּצִים קוּמְט וַוייל עֶר הָאט אַ גֶערוּךְ - וָואלְט עֶר אַלֶעס גֶעטוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אַ גֶערוּךְ; אַנְשְׁטָאט זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט: "אִיךְ בִּין מִיד", "אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט גוּט" - קֶען מֶען דָאךְ זַיין אָפְן און זָאגְן: "מִיר אִיז שְׁוֶוער דִי שְׁמֶעק".

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זַיין אָפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### זַייט אִיר אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַּחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אִיר אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, רוּפְט אַייעֶר שְׁוֶועגֶערִין און זָאגְט אִיר אַז אַייעֶר בְּרוּדֶער ווִיל צוּרִיק גֵיין, זָאגְט אִיר: "מַיין בְּרוּדֶער הָאט דִיךְ לִיבּ", און רוּפְט

אַייעֶר בְּרוּדֶער, זָאגְט אִים: "הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ, זִי הָאט דִיךְ לִיבּ, זִי ווִיל צוּרִיק גֵיין"; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי צוּרִיק גֵיין.

זַייט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מַאכְט שָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעזָאגְט אַנְדֶערְשׁ מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם. רְאוּבֵן אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט שִׁמְעוֹן, זֵיי רֶעדְן נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן, הָאט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן גֶעזָאגְט פַאר רְאוּבֵן: "שִׁמְעוֹן ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן שָׁלוֹם, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נָאר פוּן דִיר, עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט שִׁמְעוֹן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "רְאוּבֵן ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט דִיר, אָבֶער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ", בִּיז זֵיי הָאבְן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן אוּן שָׁלוֹם גֶעמַאכְט; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אַ שָׁאד עֶס זָאל וֶוערְן אַ גֶט.

אוֹיךְ גֶעבּ זֵיי טְרִינְקֶען פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס קְוָואל וַואסֶער, דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. גֶעבּ זֵיי דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; דָארְט אִיז דָא לִימוּדִים, עֵצוֹת וְהַדְרָכָה ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אַ זִיסֶע לֶעבְן מִיט שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז מְתַקֵּן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נה): "וַתִּרְעַב כָּל אֶרֶץ מִצְרַיִם", עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הוּנְגֶער אִין לַאנְד מִצְרַיִם, וְגוֹ', "וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכָל מִצְרַיִם", הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט "לְכוּ אֶל יוֹסֵף", גֵייט צוּ יוֹסֵף, אוּן "אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם", וָואס עֶר וֶועט עֶנְק זָאגְן, "תַּעֲשׂוּ", זָאלְט עֶטְץ טוּן. זָאגְט רַשִׁ"י: "שֶׁהָיָה יוֹסֵף אוֹמֵר לָהֶם שֶׁיָּמוֹלוּ", יוֹסֵף הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן זִיךְ מַלְ'ן.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי הַקְדָּמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט) אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז מְתַקֵּן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בִּפְרוּרִין דְּנַהֲמָא", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט, "עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן אָרֶעמְקֵייט, "כָּל שֶׁכֵּן", אִיז דָאךְ זִיכֶער, "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", דֶער וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דִי בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן מֹחַ, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - וֶועט וֶוערְן אָרֶעם.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן קֵיין עֶסְן אִין מִצְרַיִם פוּן דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דִי עֵצָה פַאר פַּרְנָסָה אִיז "לְכוּ אֶל יוֹסֵף", גֵיין צוּם צַדִּיק, פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק; דֶער צַדִּיק זָאגְט "שֶׁיָּמוּלוּ", מֶען זָאל הִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

זָאג יֶעדְן טָאג מִיט דִי טַלִּית וּתְפִילִּין נָאךְ שַׁחֲרִית דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

**אַ שָׁאד דַיינֶע שֵׁיינֶע טֶעג אוּן יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְּחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶעןְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, בְּעִיקָר מִיטְן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים. "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת,

אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוֹת לְבָבוֹ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן".

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, לָאז אָפּ דַיינֶע חָכְמוֹת, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת. נֶעם אָן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), לֶערְן יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא - בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, וְעוֹד; לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן, וָואס בְּלַייבְּט פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן? נָאר תּוֹרָה בְּלַייבְּט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר פָאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זֵיי: "וָואס הָאב אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר וִויל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען וִויל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", אָבֶּער בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְן יֵצֶר הָרָע, "שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן, וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

וואוּ הַאלְסְטוּ אִין מִשְׁנָיוֹת? וואוּ הַאלְסְטוּ אִין שַׁ"ס? אַ שָׁאד דַיינֶע שֵׁיינֶע טֶעג אוּן יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, 'דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן'; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**דַּיְקָא דוּרְךְּ הַלֵּל וְהוֹדָאָה קוּמְט מֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע תִּיקוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ב׳ טֵבֵת, ז׳ דַחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַּעַת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן, עֶס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן; דוּ דַארְפְסְט נָאר גֵיין צוּ אִים אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעקוּקְט אוֹיפְן הִימְל?" דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶענֶער אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין גֶעלְט אַז עֶס וֶוערְט אִים שְׁלֶעכְט פוּן טְרַאכְטְן אַזוֹי סַאךְ פוּן גֶעלְט; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, גֶעבּ אַ קוּק צוּם הִימְל - וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין.

הַיינְט נַאכְט צִינְדְן מִיר דִי לֶעצְטֶע לִיכְטְל. הַיינְט נַאכְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים פוּן גַאנְץ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז גַאנְץ תִּשְׁרֵי זֶענֶען מִיר פַארְנוּמֶען מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַאסְט, מֶען זָאגְט סְלִיחוֹת, מֶען וֵויינְט, מֶען שְׁרֵייט, דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז חֲנוּכָּה גֵייט אַרִיבֶּער, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען, אוּן דַּיְקָא דוּרְךְּ הַלֵּל וְהוֹדָאָה קוּמְט מֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע תִּיקוּן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, עֶס אִיז אַ זְכוּת לְנֵצַח נְצָחִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ב' טֵבֵת, זַ' דְּחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאַרְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, עֶס אִיז אַ זְכוּת לְנֵצַח נְצָחִים, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַאַרְן אַרוֹיפְלֵייגְן וִוי מֶער מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטָאט אוֹיף דִי וַואוּטְשֶׁערְס פְּרָאגְרַאם, אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט נַחַת בַּיי אַייעֶרע קִינְדֶער.

...

## פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי גֶעבוּרְטְסְטָאג, זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדְן שַׁבָּת צוּ דְרֵיי סְעוּדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ב' טֵבֵת, ז' דְּחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדְן שַׁבָּת צוּ דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח.): "כָּל הַמְקַיֵּם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בְּשַׁבָּת", וֶוער עֶס עֶסְט דְרֵיי סְעוּדוֹת אוֹם שַׁבָּת, "נִיצוֹל מִשָּׁלֹשׁ פֻּרְעָנִיּוֹת", וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דְרֵיי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, "מֵחֶבְלוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ", פוּן דִי צָרוֹת וָואס וֶועט זַיין אֵיידֶער מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט קוּמֶען, "מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם", פוּן גֵיהִנּוֹם, "מִמִּלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג", אוּן פוּן דִי מִלְחָמָה פוּן גּוֹג וּמָגוֹג; דִי דְרֵיי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז מֶען עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת - וֶוערְט מֶען פוּן דִי זַאכְן גֶערַאטֶעוֶועט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**וויפִיל לִיכְט צוּ צִינְדְן לְכָבוֹד שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, ב׳ טֵבֵת, ז׳ דְחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וויפִיל לִיכְט צוּ צִינְדְן, וֶוען בַּיי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה צִינְדְט מֶען צְוֵויי לִיכְט פוּן חֵלֶב אוּן צְוֵויי פוּן אוֹיל, אוּן מוֹהֲרָא״ש זָאגְט מֶען זָאל צִינְדְן לְכָבוֹד שַׁבָּת צְוֵויי לִיכְט פוּן אוֹיל כְּנֶגֶד זָכוֹר וְשָׁמוֹר אוּן נָאךְ פִיר לִיכְט פוּן חֵלֶב כְּנֶגֶד דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ״ה, אִיר ווילְט וויסְן וויפִיל צוּ צִינְדְן; בֵּיידֶע זֶענֶען גוּט, סַיי אַז מֶען צִינְדְט ווי דִי מַאמֶע אוּן סַיי אַז מֶען צִינְדְט ווי מֶען צִינְדְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בֵּיידֶע וֶועגְן זֶענֶען גוּט.

דֶער עִיקָר פוּן בְּרֶסְלֶב אִיז ׳מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ׳, מֶען זָאל וויסְן ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד׳, אוּן ׳מֶען קֶען אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳.
אוֹיךְ לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן זוּכְן דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן; דֶער מַאן זוּכְט אִין דִי וַוייבּ גוּטְס, אוּן דִי וַוייבּ זוּכְט אִינֶעם מַאן דָאס גוּטְס; בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת פוּן דִי וויכְטִיגֶע זַאכְן.

וֶוען אִיר צִינְדְט לִיכְט זָאלְט אִיר לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר אַפָּאר מִינוּט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**הֶער אוֹיף קְרִיטִיקִירְן דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ב׳ טֵבֵת, ז׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אוֹיף קְרִיטִיקִירְן דַיין וַוייבּ, רֶעד נִישְׁט צוּ אִיר פוּן צְנִיעוּת, רֶעד נִישְׁט צוּ אִיר פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר אוּן פוּן זִיךְ פַארְבְּן דִי אוֹיגְן; דוּ גֶעבּ אִיר נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס נָאכְקוּמֶען. אַז דֶער מַאן גֶעבְּט נָאר גוּטֶע וֶועטֶער, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ זַיין וַוייבּ אוּן זֶעט אִין אִיר נָאר גוּטְס - קֶען עֶר מִיט סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה אַלֶעס טוּישְׁן.

לָאז אָפּ, זָאג נִישְׁט קַיין מוּסָר, קְרִיטִיקִיר נִישְׁט; דוּ זָאלְסְט אֵיין זַאךְ טוּן - נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, נָאר זוּכְן גוּטְס.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פָּאלְגְן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט אִיר אִידִישְׁקֵייט; אַנְשְׁטָאט זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט אִירֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה לְשֵׁם יִתְבָּרַךְ אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, אַ וואוּילֶע וַוייבּ, אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, אֲפִילוּ מִיט דִי אוֹיגְן אוּן מִיט דִי הָאר אִיז זִי זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶע, זָאלְסְט אִיר גָארְנִישְׁט זָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**הָאבּ נִישְׁט צוּטוּן מִיט לֵצִים אוּן מַחֲלֹקֶת, וֶועט דַיין לֶעבְּן זַיין שֵׁיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל אֵיין זַאךְ, צוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין לֶעבְּן, אוּן דִי

לֶעבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, און מִיט מַחֲלֹקֶת און פַּיינְטְשַׁאפְט אִיז עֶר מַצְלִיחַ אַלֶעס חָרוּב מַאכְן.

עַל כֵּן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת און שִׂנְאַת חִינָם, הָאבּ נִישְׁט צוּטוּן מִיט לֵצִים. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, י): "גָּרֵשׁ לֵץ", פַּארְטְרַייבּ דֶעם לֵץ "וְיֵצֵא מָדוֹן", וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע מַחֲלֹקֶת, "וְיִשְׁבֹּת דִּין וְקָלוֹן", מֶען וֶועט זִיךְ מֶער נִישְׁט קְרִיגְן; סַיי אִין מִשְׁפָּחָה, סַיי בַּיי דִי אַרְבֶּעט, סַיי אִין שׁוּל - הָאבּ נִישְׁט צוּטוּן מִיט לֵצִים, וֶועט דַיין לֶעבְּן זַיין שֵׁיין; וִוי נָאר מֶען הָאט צוּטוּן מִיט לֵצִים - פַּאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ טִיפֶע זוּמְפּ פוּן מַחֲלֹקֶת און שִׂנְאַת חִינָם.

וֶוער אִיז אַ לֵץ? דֶער וָואס רֶעדְט פוּן אַנְדֶערֶע? דֶער וָואס שְׁפֶּעט פוּן אַנְדֶערֶע? אָפְּגֶערֶעדְט דֶער וָואס מַאכְט אַוֶועק צַדִּיקִים און פְרֶעגְט אָפּ דִי וֶוערְטֶער וָואס צַדִּיקִים רֶעדְן, מִיט אַזַא אֵיינֶעם טָאר מֶען זִיכֶער נִישְׁט הָאבְּן, נָאר אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט אָפְּן קֶעגְן צַדִּיקִים, אָבֶּער אַלֶע זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אוֹיף דֶעם און אוֹיף יֶענֶעם, מַאכְט וֶוערְטְלֶעךְ און שְׁפֶּעט טָאג און נַאכְט, אַזַא אֵיינֶער אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ נֶעמֶען פַאר אַ פְרֵיינְד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, לֶעבְּן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל, לָאז נִישְׁט נָאךְ דַיין ווילְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען הַיינְט אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר, הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל, לָאז נִישְׁט נָאךְ דַיין ווִילְן, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "גִיוַואלְד! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!"

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער מַיינֶע, גֶעוֶענְדִיגְט מִיט דִי טוּמְאָה, הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוארְף אַוֶּועק דִי טוּמְאָה, קוּק נִישְׁט קַיין מָאוּויס מֶער, קוּק נִישְׁט קַיין זֻהֲמָה; אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען בְּעַצְבוּת, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

פָּאלְג מִיךְ טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער חַבֵר, אַנְשְׁטָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ טֶעבְּלֶעט, אֵייפֵּאד, סְמַארְטְפָאוֹן אוּן קוּקְן שְׁמוּץ, קוּקְן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זוּךְ אַ ווִינְקֶל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּ אִים, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ לִיג אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ לִיג אִין עֲבֵירוֹת, מַיין גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז נָאר נִיאוּף; הֶעלְף מִיר טַאטֶע, רַאטֶעוֶע מִיךְ בַּאשֶׁעפֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן, אוּן נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע פַארְפַאלֶענֶע, אַלֶע פַארְגֶעסֶענֶע, דִי בְּנֵי מְנַשֶּׁה, אַ לָשׁוֹן פוּן (בְּרֵאשִׁית מא, נא): "כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים" - קֶענֶען זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען בֶּעט אוּן מֶען שְׁרֵייט: "הֵיילִיגֶער

**בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין נָאנְט צוּ דִיר, גַּמְ - לִי - אֵ-ל, אוֹיךְ אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער״.**

דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה (בַּמִּדְבָּר ז, נד): ״בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי״ זֹאת חֲנוּכָּה, ״נָשִׂיא״ וֶוערְן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, ״לִבְנֵי מְנַשֶּׁה״, דִי פַּארְפַּאלֶענֶע פַּארְגֶעסֶענֶע וָואס בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן ״גַּמְלִיאֵ-ל״, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין גוּט; ״בֶּן פְּדָה-צוּר״, זֵיי בֶּעטְן: **״אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייז מִיךְ אוֹיס, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע״.**

**דָאס אִיז נִישְׁט מַיין וָוארְט, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ. אַלֶע** יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מוֹהֲרַא״שׁ הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט פוּן ׳נְשִׂיא לִבְנֵי מְנַשֶּׁה׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן, אוּן נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אֵיינֶעם.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ.

...

## אַ פַארְיָאגְטֶע מַאמֶע אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.**

אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר שְׁפִּירְט אִיר כַאפְּט אַ נֶערְוֶוען בְּרָאךְ.

אִיךְ ווִיל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ד), דֶער הֵיילִיגֶער רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער, פַאר דִי חוּפָּה הָאט זִי גֶעבֶּעטְן פוּן אִיר הֵיילִיגֶע טַאטֶע עֶר זָאל אִיר בֶּענְטְשְׁן, הָאט רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיר גֶעזָאגְט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר״. אַ יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר טַאטֶע: ״עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בֵּן זָכָר״, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה, הָאט דֶער

טַאטֶע רַבָּן גַּמְלִיאֵל איר גֶעבֶּענְטְשְׁט: "זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן שְׁרַייעֶן אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי", הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אַבָּא" טַאטֶע, "שְׁתֵּי שְׂמָחוֹת שֶׁבָּאוּ לִי" בַּיי מַיינֶע בֵּיידֶע שִׂמְחוֹת, "אַתָּה מְקַלְלֵנִי" טוּסְטוּ מִיךְ שֶׁעלְטְן?! הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַבָּן גַּמְלִיאֵל גֶעזָאגְט: "תַּרְתֵּיהֶן צְלָוָון" בֵּיידֶע זַאכְן זֶענֶען תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל דִיר זַיין אַזוֹי גוּט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען, אוּן אַז דַיין קִינְד וֶועט לֶעבְן גֶעזוּנְט וֶועסְטוּ אַלְץ זָאגְן אוֹי וֵויי, "וַוי דְלָא שָׁתֵי בְּרִי, וַוי דְלָא אָכַל בְּרִי, וַוי דְלָא אָזֵיל בְּרִי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא", אַז מֶען הָאט קִינְדֶער אִיז מֶען פַארְיָאגְט אוּן מֶען קְרֶעכְצְט 'אוֹי, דָאס קִינְד עֶסְט נִישְׁט', 'אוֹי וֵויי, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ כַאפְּן דֶעם בָּאס צוּ גֵיין אִין חֵדֶר'.

אַ פַארְיָאגְטֶע מַאמֶע אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מַאמֶע, אַן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייטֶע שְׁטוּב - אִיז אַ בְּרָכָה; וַוי פַאר אַ שְׁטוּב וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין קִינְדֶער אוּן אַלֶעס גְלַאנְצְט, אַלֶעס קְלַאפְּט; אַ שְׁטוּב וָואס פְלִיעֶט, עֶס טוּט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וְכוּ' - אִיז נָאר אַ בְּרָכָה, אַזוֹי וִוי רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיין טָאכְטֶער: "לָא יִשְׁלֶה וַוי מִפּוּמִיךְ" זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן "וֵויי".

אַ גוּטֶע עֵצָה נִישְׁט צוּ כַאפְּן אַ נֶערְוֶועז בְּרָאךְ; גֵייט צוּם פֶּענְסְטֶער, קוּקְט צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר"; וִוי מֶער מֶען טוּט דִי עֵצָה - אַלְץ שְׁטֶערְקֶערֶע נֶערְוֶועז בַּאקוּמְט מֶען.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## דֶעם רֶבִּינֶ'ס לִיכְט

דִי שְׁטוּב אִיז רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אִין דִי לוּפְט אַ שְׁטַארְקֶע פְרֵיילִיכְקֵייט, עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, דֶער גְרוֹיסֶער טָאג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען שְׁטִיל, דִי מַאמֶע צִינְדְט דִי לִיכְט. חַנָּה צִירְל שְׁטֵייט נֶעבְּן אִיר מַאמֶע, זִי קוּקְט זִיךְ גוּט צוּ, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ חֲתוּנָה, זָאל זִי וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לִיכְט.

דִי מַאמֶע לֵייגְט אִירֶע הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, זִי מַאכְט דִי בְּרָכָה "לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת" אוּן זִי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. זִי בֶּעט אוֹיךְ פַאר דִי טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ תַּלְמִיד חָכָם.

דֶער טַאטֶע, דֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן - זִיצְט בַּיים טִישׁ, עֶר זִינְגְט אוֹיפְן קוֹל דִי הֵיילִיגֶע שִׁיר הַשִּׁירִים, אוּן עֶר זָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ אוּן פַאר זַיינֶע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע



״הֵייליִגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ לִיכְטִיג אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער״

קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. דֶער צַדִיק בֶּעט זֵיי: ״זָאגְט דִי װֶוערְטֶער יֶעדֶע וָואךְ װֶוען אִיר צִינְדְט דִי לִיכְט ׳הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי לִיכְט, אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן װֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, עֶס זָאל זֵיי לִיכְטִיג װֶוערְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן׳״.

שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּנְטֶער דִי הֶענְט - קוּמְט אַרוֹיס אַ טְרֶער פוּן דִי מַאמֶע׳ס אוֹיג, זִי הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אִידְן; ׳אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן שְׁפִּירְן נִישְׁט דִי טַעַם פוּן גַן עֵדֶן אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁפִּיר, אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן לַיידְן אַזוֹיפִיל צַעַר אִין לֶעבְּן, וָואלְטְן זֵיי גֶעוְויסְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דַאנְקֶען אוּן פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט זֵיי אַזוֹי גוּט גֶעוֶוען׳.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, װֶוען דִי מַאמֶע צִינְדְט דִי לִיכְט, שְׁטֵייעֶן דִי אִינְגְלֶעךְ אִין דֶער זַייט שְׁטִיל, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ שְׁטֵייעֶן בַּיים טִישׁ מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי לִיכְט, אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן װֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, עֶס זָאל זֵיי לִיכְטִיג װֶוערְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן״.